ב"ה

לקוטי שיחות
PROJECT LIKKUTEI SICHOS

# לקו"ש חט"ז שיחה ב' לפרשת תצוה

## רקע

### *קיץ תשל"ד - חורף תשל"ה*

בסוף חודש סיון תשל"ד, לאור הכרזת הרבי על חמשת המבצעים (תפלין, תורה, מזוזה, צדקה, ונש"ק), התחילו התמימים לצאת מדי יום למבצעים. ועם הימים התחילו לשכור רכב מיוחד - "מצוה טנק". הרבי בעצמו התבטא אז לעיתוני אחד, שהם הטנקים נגד ההתבוללות. וכך התחיל תקופת הטנקים, כשבכל יום גדול למבצעים השכירו טנק, והלכו עם רמקול גדול ברחובות העיר.

בשלשלת היחס שנדפס ב"היום יום", מוזכר בשנת תשל"ד: **מתחיל ענין ההפצה ע"י "טנקים".**[1]

אמנם, בחורף תשל"ה, היה א' שיצא נגד המבצעים. ובחודש שבט אף הדפיס מדי שבוע כתבה מאוסה על ה'טרור' שנמצא ברחוב מענין המבצעים (רח"ל). ובהתוועדויות יו"ד שבט ושבת פרשת בשלח וט"ו בשבט, השמיע כ"ק אדמו"ר מחאה על הענין. ואף בין הדברים התבטא (לערך): "**אין ליובאוויטש יש בריגאדע של מבצעים און איך פיר דאס**".

להלן כמה קטעים של השיחות. - כמה פרטים הובאו בלה"ק כפי שיודפס בתורת מנחם, וכמה פרטים באידיש כפי שנדפס בשיחות קודש. - אפשר ללחוץ על התאריך ולשמוע השיחה מאתר "אשרינו".

### *יו"ד שבט תשל"ה*

**...ועד כדי כך, שצריך לדבר אפילו אודות דבר פראי ("ווילדע זאַך") שלא הי' כמוהו בישראל - שיש צורך להתווכח "מיהו יהודי"; אם צ"ל גירות כהלכה או באופן אחר . . ועד שלא מתביישים להתגרות ולפגוע באברכים שמוסרים נפשם ומזכים יהודים עם ה"מבצעים".**

**...מה שנוגע לי - שכל אלו שהשתדלו ועסקו עד עתה ב"מבצעים", ועשו זאת - בפירוש - בשליחותי, - ולא רק בנוגע לעצם ה"מבצע", אלא גם בנוגע לאופן עשייתו: לנסוע עם "טנקים", ולהקים קול רעש גדול ב"המונה של רומי", שישמע ("דערהערן") שם "דבר הוי' זו הלכה", .... - ימשיכו הלאה להשתדל בזה באופן דמוסיף והולך,**

---

[1] וראה לדוגמא בשיחת י"ב תמוז תשל"ד:
**גם בעניין דלקמן, הן אם יפרשו זאת כעניין של צחות ("מילתא דבדיחותא"), והן אם יפרשו זאת כעניין שיש בו תוכן - הרי מכל-מקום אם יבוא על-ידי כך עניין של התעוררות והוספה בעניין של תורה ומצוותיה, הרי זה בדוגמת כמה עניינים, שעל כולם חל פתגמו המפורסם של כ"ק אדמו"ר (מוהרש"ב) נ"ע בנוגע לפירושים בתניא, אשר בד בבד עם הזהירות הנדרשת בכך, כשעניין של חיזוק ביראת שמים ועבודת ה' יצא מזה - אפשר לעשות זאת.**
**ובהנוגע לענייננו, יצאו בקשר לחמשת המבצעים עם עניין שזהו "טנק" - שלכאורה, אין זה אלא מילתא דבדיחותא. אך לאמיתו של דבר, ענינו של טנק הוא - כלי נשק מיוחד אשר לו סגולה מיוחדת לא רק להגן אלא גם לכבוש. וכך גם בעניין המצוות, שעליהן נאמר שישנו העניין ד"מגנא ומצלא", ויתירה מזו - שכובשים עניינים של קליפת-נוגה, ועל-ידי-זה גם עניינים הקשורים עם ג' קליפות, ומהפכים אותם עד לאופן של "זדונות נעשו כזכויות".**

**וברור הדבר שיצליחו בכל מה שקשור לענין המבצעים, כיון שמדובר אודות הפצת המעינות חוצה, ביחד עם לימוד התורה חוצה, וקיום המצוות חוצה.**

**...אלו שעוסקים במבצעים עם ה"טנקים" וכל ה"שטורעם" - הרי זה כאילו שאני הולך עם כל אחד!**

**...ובמקום שצריך לבטל "המונה של רומי" - יש לעשות זאת ע"י "המונה של קדושה", ועכשיו יש לבנ"י כח לעשות זאת בדרך זו - כמאמר הידוע של אדמו"ר מהר"ש (שסיפר רבינו נשיאנו כמ"פ): "מלכתחילה אַריבער"!**

*

## *שבת פרשת בשלח, י"ג שבט*

**וכאן המקום לדבר, איך האָב געמיינט אז איך בין באַפרייט געווארען פונעם ענין, איז ביום שישי ראיתי קטע בעתון, שזה שכותב חותם את עצמו בשם רב, ובקעפל כתוב " טעראר בריגאַדע אין דער אידשער גאַס ".**

**וכשהסתכלתי על מי זה כתוב, ראיתי שכותבים את זה על ליובאוויטשער הויף, ... שידע שליובאוויטשער הויף באמריקה זה הרבי הקודם, ... און אין ליובאוויטשער הויף איז ניטא קיין טעראר בריגאַדע...**

**...בליובאוויטש יש בריגאַדע, אבל בריגאַדע של מבצעים און איך פיר דאָס, ... און איך זאג דאָס מיט די גאַנצע ברייטקייט , ואני שולח אותם לפעול על יהודים וכו'.**

ובכמה התוועדויות שלאחרי זה, המשיך כ"ק אדמו"ר לדבר בתקיפות על הנושא, ושלא ליבוש מפני המלעיגים וכו'. (הנה קישור להחלק בהתוועדות ט"ו שבט תשל"ה, עיין שם).

*

## *ראש חודש אדר תשל"ה*

באור ליום ג', א' דראש חודש אדר, בהפתעת הקהל, התקיים התוועדות קצרה (ארכה פחות משעה וחצי). ההודעה הגיע בשעה 7, ורק כמה דקות אחרי זה, בשעה 7:05-10 לערך, ירד כ"ק אדמו"ר להתוועדות. אחרי שהרב מענטליק מזג כוס יין, פתח הרבי את ההתוועדות עם מאמר (ד"ה ויקחו לי תרומה), בלי הקדמת ניגון. את המאמר, הרבי אמר חציו בעיניים פתוחות וחציו בעיניים סגורות.

אחרי זה, בשיחות הסביר הרבי שענין המצבעים (ובפרט מבצע פורים) לא קשור ל"ליובאוויטש", זה חובה לכל יהודי, עיין שם. והנה חלק קטן מהדברים:

**ומה שישנם כאלו שמרעישים ("טומלען") יותר או מרעישים פחות - הנה הלואי שיתקנאו וירעישו יותר ממה שמרעישים כאן, ואז יפעלו יותר כו'.**

**שהרי חיים בעולם של "המונה של רומי", ולכן יש צורך ב"המונה" של קדושה, אשר "זה לעומת זה עשה האלקים".**

**ואדרבה: צריך לדעת שעיקר ענין "המון" נעשה בשביל קדושה, "קול גדול ולא יסף", אלא שלאח"ז דורש הצד שכנגד, ה"לעומת זה", שיתנו גם לו אותה אפשרות, ואכן נותנים לו, כיון שלולי זאת לא יהי' מקום לבחירה חפשית...**

*

## *שבת פרשת תצוה תשל"ה*

בקשר לשבת פרשת תצוה, פרשת זכור, כותב אחד התמימים ביומן:

**כולם היו במתח אם תהיה התוועדות או לא. כשכ"ק הכריז אד"ש לקח את סידורו ומיד הבינו שתהיה התוועדות.**

כלומר, כאשר הרבי לא התייחס להכרזת הגבאי על הזמן של מנחה או כיוצא בזה, הבינו כולם שיתקיים היום התוועדות. ואכן, כך הוה, ובשעה 1:30 הרבי ירד להתוועדות.

באמצע ההתוועדות, אחרי שכבר עמד על פירש"י בענין "ששה משמותם על האבן האחת וגו' כתולדותם", אמר כ"ק אדמו"ר:

**וכאן המקום אויכעט צו מבאר זיין נאך א פירש"י בנוגע צו דעם מעיל, וואס דאס איז איינע פון די טעמים אויף דעם פארברייינגען. וואס ס'איז דאך פאראן די וואס טענה'ן בנוגע די טנקיסטן, צוליב וואס דארף זיין דער ענין פון רעש וכו'. און מ'ברייינגט ראוית פון דעם גדול און פון יענעם גדול, אז בא זיי איז געווען די הנהגה ניט מיט א רעש ווארום לא ברעש הוי', נאר אין א אופן פון הצנע לכת, און דאס איז ניט געווען נאר בנוגע צו זייער עבודה מיט זיך, נאר אויך בנוגע לעבודתם מיטן זולת, היינטו וואס דארף מען האבן דעם ענין פון רעש?**

והתחיל לבאר מה שכתוב אצל המעיל "רמוני תכלת וגו' ופעמוני זהב בתוכם סביב", כדי שיהי' "ונשמע קולו בבואו אל הקודש". - בהמשך ההתוועדות אף קרה לזה "רש"י תמוה".

ובאמצע הדברים, הוסיף כ"ק אדמו"ר עוד ענין (וראה בהערה)[2]:

**נאך א ענין וואס מ'דארף דערמאנען איז, אז לויט ווי איך האב געהערט לייגט מען ניט ארויף קיין דגש מיוחד אויף בארווארענען, אז דער ענין פון משלוח מנות ומתנות לאביונים, מען זאל דאס טאן ביום הפורים - דינסטאג און ניט פריער, און מ'דארף דאס באווארענען, ווארום מצד דעם חפזון וזריזות, אדער העדר ידיעה, קאן דאך זיין ער זאל דאס טאן גלייך ווען ער קריגט דאס.**

**און ווי דער רבי האט דערציילט אויף דעם צ"צ'ס א חסיד, ר' יקותיאל ליעפלער, וואס דעמאלט איז געווען דער סדר אז דער צ"צ פלעגט שיקן די אורחים מינים (מ'מיינט ניט די ד' מינים, נאר די מינים) פון סדר צו די אורחים, און מ'האט דאס אויך געשיקט צו ר' יקותיאל'ן, ווען ס'איז געקומען ליל הסדר אדער ערב פסח, איז ר' יקותיאל געקומען צו דעם צ"צ און געזאגט אז ער האט ניט מיט וואס צו פראווען דעם סדר, האר דער צ"צ גערופן דעם שמש און האט אים געפרעגט: צו דען איז ר' יקותיאל ניט געווען אין דער רשימה פון די אורחים? האט אים דער שמש געזאגט אז ער איז געווען אויף דער רשימה, און ער האט אים געבראכט די מינים פון סדר, האר ר' יקותיאל געזאגט אז דאס האט ער אויפגעגעסן גלייך ווער ער האט אים געבראכט, און דאס האט אים געהאלפן לעבודת ה'.**

**איז עד"ז קען דאך זיין אויך דא אז ער וועט דאס טאן מצד זריזות גלייך ווען ער וועט דאס באקומען, און עס וועט אים טאקע העלפן לעבודת ה', אבער די מצוה פון משלוח מנות איז ער דערמיט ניט מקיים, וואס דערפאר דארף מען באווארענען אז מ'זאל דאס טאן אין דעם טאג פון פורים.**

---

[2] כנראה קשור עם זה שבשנה הקודמת (תשל"ד), הלכו להפיץ המצות של פורים בתענית אסתר וכו'.
ובתחילת ההתוועדות בשבת פרשת פקודי תשל"ד, הזכיר כ"ק אדמו"ר את הסיפור הזה של חסיד הצ"צ [ושם - עם ר' יחזקאל דרויער], עיין שם.

*

בעוד כמה פעמים, עורר כ"ק אדמו"ר בענין ההפצה דרך הטנקים. ומובא כאן, כדוגמא, חלק משיחת ערב ראש חודש מנחם אב תשל"ו:

**וואס דאס איז איינע פון די כוונות וואס מ'מאכט דעם דיבור בזה ובמילא די התוועדות ע"ד זה, אז איידער ס'הויבט זיך אן דער היום למלאכה - דער סוף פון ער"ח, וואס דעמאלט איז דא אויך די מעגלעכקייט אז מ'הערט דאס בשעת מעשה בכמה מקומות, וואס דארטן איז נענטער צו עמוד השחר און צו נץ החמה וכו' - כדי מ'זאל האבן דעם זירוז בזה.**

**וואס דער זירוז קומט צוזאמען מיט דער בקשה נפשית, וכמה פעמים, ופעם אחר פעם, ביז מאה פעמים, ביז מאה פעמים ואחד (אדער מאה פעמים ואחת - לויט די צוויי גירסאות וואס ס'איז דא אין דעם), אז יעדערער זאל טאן בכל האמור בשמחה ובטוב לבב, במילא וועט דאס פורץ זיין זיינע מדידות והגבלות, און ער וועט טאן אין דערויף ביתר שאת וביתר עוז, און ס'וועלן נצטרף ווערן די תפילות כל ישראל ובקשות כל ישראל ולימוד התורה פון כל ישראל, ונתינת הצדקה פון כל ישראל.**

**ועאכו"כ אז מ'וועט נוצן דארטן וואו ס'איז דא דאס וואס מ'רופט אן בשם "טאנק" וואס זיינען פארבונדן מיט מצוה, במילא קען מען דורך זיי דערגרייכן צו ערטער וואס א הולך רגלי קען אהינצו ניט צוקומען נאך אין דעם זמן פון ער"ח, מצד ריחוק המקום בגשמיות, איז אז מ'פארט מיט א טאנק קומט ער אן אויך אהינצו.**

**וואס נוסף לזה איז נאך דא די נקודה אז דעמאלט ווערט דאס געטאן ברוב עם הדרת מלך, מאכט דאס א שטארקן רושם, און דאס ווערט בדוגמא ווי מ'זאגט בנוגע צו זכר ליצי"מ, אז מ'טוט כמה ענינים כדי אז די תינוקות זאלן פרעגן, ועד"ז איז דאך דא תינוקות ביהדות, וואס אנדערש קען מען ביי זיי ניט דורך ברעכן די קליפה החיצונית, סיידן מ'מאכט א דבר תמוה, אז ער דערזעט אן אטאמאביל און אויף איס איז אנגעשריבן מיט אותיות מרובעות, און פון דארטן הילכט א קול, און דער קול רעדט מיט אים וועגן זאכן וואס זיינען פאר אים א חידוש, במילא פרעגט ער מה נשתנה, מה זה וכו', אדער עכ"פ ער שטעלט זיך אוועק און קוקט ווי א "אינו יודע לשאול", אבער ביי אים איז אנגעשריבן אויפן פנים אז ער וויל אז מ'זאל אים אויף עפענען אז ביי אים זאל זיין דער "את פתח לו"...**

ובשיחה שלאחרי זה:

**ס'איז דאך אזוינע וואס האבען מורא מצד קול המונם, וואס מ'מאכט א טומל, און לכאורה ווען איז געווען אזא הנהגה אז מ'זאל ארויס גיין בחוצות העיר און פארן מיט אטאמאבילן און טומלען אין די גאסן וכו',**

**איז כמדובר כמ"פ דאס איז ניט קיין דבר חדש, דאס איז בפירוש'ע גמרא (תענית יח, א) אז בשעת ס'קומט אן א ווארענונג, זאגט מען דעמאלט "עמדו והפגינו", אז מ'דארף ארויס גיין און מאכן א טומל אין גאס, "בזעקך יצילוך קיבוציך" (ישעי' נו, יג), אז אידן קלייבן זיך צוזאמען און שרייען בקול גדול מיט א צעקה, וואס דאס איז זיי מציל פון כל ענינים בלתי רצויים...**

*

השיחה משבת פרשת תצוה תשל"ה הוגהה לקראת שבת פרשת תצוה בשנת תשל"ט, ונדפס כשיחה ב' לפרשת תצוה בלקוטי שיחות חלק ט"ז.

ואולי מן הראוי להעיר משיחת מוצאי שבת ההיא (תצוה תשל"ט) בענין ההכאה ב"המן":

**....ועד"ז זעט מען אויך אז א גאנץ יאר שטייט מען אין בתי כנסיות מיטן גאנצן אימה ופחד ורתת וזיע, וויבאלד אז עס דארף זיין "דע לפני מי אתה עומד" - ווען עס קומט אבער צו צו ימי הפורים, גארגערט מען בקול רעש גדול, און ניט מיט א "קול דממה דקה"!**

**איך האב געזען אזוינע וואס ווען עס קומט צו "המן", איז אזוי ווי ער ווייסט אז עס שטייט אין ספר המנהגים אז מ'דארף קלאפן, האט ער קיין ברירה ניט און ער מוז קלאפן, ער קלאפט אבער אזוי אז ער אליין זאל אויך ניט הערן!**

**ער גיט א קלאפ שטילערהייט, און ווען ער כאפט זיך אז מ'קוקט אויף אים, קלאפט ער דריי מאל נאכאנאנד, אבער מיט א "קול דממה דקה", און ח"ו אז ס'זאל זיין "בקול רעש גדול"!**

**איז יה"ר אז ס'זאל זיין "בקול רעש גדול", און דערפון וועט מען קומען צו "והאופנים וחיות הקודש ברעש גדול מתנשאים", ועאכו"כ אז אידן זיינען "מתנשאים".**



● 'TANK' IN ACTION